„Radomer-Kielcer Leben" 42 [382) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" 8-VIII ער יאָהרגאַנג פּרייז 25 גראָשען

הײַנט 8 זײַטן.
Radom, dnia 30 Paź. 1931 r.
ראַדאָם, פרייטאָג י"ט חשון תרצ"ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:
אַ מילימעטער שורה פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
" " " אין טעקסט 4 "

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

מאָנטאָג כ"ב מרחשון תרצ"ב (1|XI)

פאַלט-אויס די ערשטע יאָהרצייט פון אונזער הײַס-געליעבטען, יונג-אוועקגעריסענעם זוהן און ברודער

# ראובן מאיר ז"ל

אין טאָג פון דער יאָר-צײַט 11 פריה וועט פאָרקומען א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה

אויף דיזען האָבען מיר דעם כבוד צו בעטען אונזער משפּחה, קרובים, גוטע פרײַנד און בעקאַנטע

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע **יהודה קויפמאַן** און **קינדער.**

Koleżance REGINIE CUKRÓWNIE
z powodu zgonu Jej OJCA

# B. P. Mojżesza

składają wyrazy szczerego współczucia

*W. Helcman, J. Bankier, i Sz. Goldfarb.*

Wilno.

Z intencji zaręczyn
p. *Loli Krakowskiej* z p. *Mańkiem Lewinem*
życzymy Jej wiecznego zadowolenia i szczęśliwej przyszłości

*Andzia i Mendel Blacher*

Biuro Prośb i Podań
p. f. **„PROLITEX"**
RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

Redaguje Podania:
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacje należności w całej Polsce.
**Informacje o zdolności kredytowej**
**Przepisywanie na maszynach.**
Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.




**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.**
General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski
DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE
U. Sienkiewicza 29, Telefon 455.

# אָבקלאַנגען פון די אנטי-יודישע עקסצעססען פאַר'ן קרייז-געריכט

נעכטען איז אין היגען קרייז-געריכט פאָרגעקומען דער פראָצעס געגען די ה"ה: האַנצבערג און מאַלאך, בעשולדיגטע לויט די אַרטיקלען 51 און 65 פון שטראַף קאָדעקס, פאר ארויסרופען געשלעגען, וואָס האָבען דערפיהרט צו די בּיַקאַנטע ראדאָמער עקסצעסען. פערטיידינט האָבען די אדוואָקאַטען: וואַשילעווסקי און פעניגשטיין. בעשולדיגט האָט פּראָקוראָר צישעווסקי.

עס איז אויסגעהערט געוואָרען א רייהע עדות, צווישען אַנדערע דער שילער דער שילער מאנטארסקי, וועלכען האַנצבערג האָט לויט'ן בעשולדיגונג'ס אַקט געשלאָגען אין ברוסט מיט א מעסער.

דער מעדיצינישער געריכט'ס-עקספערט האָט די וואונדען פון מאַנטארסקי קוואַליפיצירט אַלס שווערע, ווייל זיי האָבען געדראָהט דעם לעבען פון בעטראָפענעם. דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט פאר דעם בעשולדיגטען האַנצבערג די חאַרבסטע שטראָף פאר בעוואוסטזיניג בעפאַלען דעם שילער מאַנטארסקי', דאַנעגען בנוגע דעם צווייטען בעשולדיגטען מאַלאך זאָגט ער זיך אָב פון דער בעשולדיגונג.

דער פערטיידיגער וואַשילעווסקי פאָדערט צו אַנולירען דעם בעשולדיגונג'ס-אַקט, ווייל לויט איהם ווערט האַנצבערג בעשולדיגט אין שטעכען מיט א מעסער, אין דער צייט, ווען אַלע אָהן אויסנאַהם עדות פון דער בעשולדיגונג, ערקלערען, אַז זיי האָבען געזעהען האַנצבערגען שלאָגענדיג דעם שילער מאַנטארסקי מיט א טעניס-ראַקעטע. און אפילו אין דעם פאַל, ערקלערט דער פערטיידיגער, אַז עס איז אונמעגליך אַז די עדות פון די ערטער וואו זיי זענען געשטאַנען, זאָלען האָבען דערקענט דעם בעשולדיגטען. דעריבער פאָדערט די פערטיידיגונג צו בעפרייען ביידע אָנגעקלאָגטע.

אין לעצטען וואָרט בעטען די בעשולדיגטע א בעפרייענדען אורטייל.

נאָך א לענגערע הפסקה טראָגט דאָס געריכט ארויס א אורטייל לויט וועלכען האָנצבערג, ווערט פערמשפט צו 1 יאָהר תפיסה און מאַלאך ווערט פרייגעשפראָכען. די פערטיידיגונג האָט פערשפראכען א אַפעלאַציע געגען דעם אורטייל.

דער פראָצעס האָט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג און, אין זאַל זענען בעת די געריכט'ס-פערהאַנדלונגען אנוועזענד געווען, חוץ דעם גרויסען פובליקום, אויך די היגע ריכטער, אדוואָקאַטען ווי אויך א רייהע פאָרשטעהער פון דער היגער אַלפוילישער פרעסע.

---

## דאנקזאגונג.

איך דריק אויס דעם בעסטען דאַנק דעם **אקושער און גינעקאָלאָג ד"ר הערץ** פאר זיין אונערמידליכער און איבערגעגעבענער אַרבייט ביים אָבראַטעווען מיין פרוי א מאמע פון זעקס קינדער פון א גרויס געפאַהר.

דעם זעלבען דאַנק גיב איך די בעוויסטע **אקושערקע ליבעלע טענענבוים** און איך ווינש זיי הצלחה וואו זיי וועלען זיך קעהרען און ווענדען.

**מאטעל קירשענבוים.**

---

**ELEKTROWNIA RADOMSKA**
wydzierżawia p.p. Abonamentów specjalne liczniki gospodarcze przy zastosowaniu energji do grzejników.

---

## דאָס שכל'דיקע אויסגעבען געלד אויף ווירטשאַפט.

די אויסגאַבען אויף פאַבריקאַציע און אויף אָבנוץ פון סחורה, צי פון שלעכטע, אָדער גוטע זענען שטענדיג די איינע און זעלבע. א ביליגע פרייז איז אָבהענגיג פון רויה-שטאָפען, וואָס ווערען בענוצט צו דער אויסאַרבייטונג פון דער בעטרעפענדער סחורה. דאָס ענטשפּרעכענדסטע מיטעל איז אַלזאָ צו קויפען גוטע אויסאַרבייטונגען, וואָס דאָך איבעראַל בעקאַנטע מיט א פאַבּריקס—גוואַראַנציע צו מיטעלע פרייזען.

די אויסגעפּרובטע, אומגעפאַקטע זייף „קאָלאָנטיי" מיט אַ וואש ברעטל" איז נישט די ביליגסטע פרייז — אָבער אויך נישט די טייערסטע מאַרקע. ס'איז נאָר פאַרדאס דאָס בעסטע און רעעלסטע מיטעל צום וואַשען.




---

## צו דער פערוו. פון דער יודישער גמינע איז ראַדאָם.

היות מיר האָבען ערהאַלטען א ענטפער פון דער גמינע אין נאָמען פון פון פרעזעס ר' לייביל פרידמאַן און פרנס ר' בעריל גאַרפינקעל און איבערהויפט פון דעם געעהרטען (יוריס - קאָנסול) הערען לייביש מענדעל זילבערשטיין תשובה אויף אונזער פראָטעסט געגען אַבזאָגען אַלע שוחטים בחנם אָהן שום סבה, און אויך א ענטפער אויף דעם בריעף פון אַגודת הרבנים אין פוילען, וואָס האָבען אייך געשריבען, אַז אסור להעביר השוחטים בלי ד"ת תוה"ס, אויף וואָס איהר האָט ווידער גענטפערט און פערלאַנגט, אַז די שוחטים זאָלען אייך ווייזען אַן אוסטאַווע, אַז אַ שוחט איז אַ לעבענסלענגליכע חזקה—אויף די אַלע ענטפערס געפינען מיר פאַר נויטיג צו ערקלערען פאָלגענדעס:

אזוי ווי מיר זענען נישט קיין יוריסטען און מיר שוחטים בעזיצען נישט קיין בילדונג אויף אזוי פיעל ווי די יעצטיגע גמינע-פרנסים, זאָגען מיר נאָר דאָס: אַ שוחט איז נישט קיין פריוואַטער עסק, נאָר א מלאָכת הקודש. (ריטואַלנע פראָפעסיע) מען געפינט נישט אין „דזענניק אוסטאַוו", אַז מען מוז שחטען, נאָר דאָס געפינט זיך אין תורת משה וזבחת כאשר צויתיך. אין גמרא חולין די"ח געפינט זיך, אַז אפילו א שוחט האָט געמאַכט א פעהלער אין דער שחיטה זאָל מען איהם נישט מעביר זיין, אַז מ'זאָל רחמנות האָבען אויף זיינע קינדער, טפלי תלויי ביה (און דאָס גאַנצע פעהלט אייך) אין יורה דעה סימן י"ח געפינט מען, אַז ממנים אנשים ידיעים על השחיטה אין התמנות תקתלה איז אַ לעבענסלענגליכע. אפילו; א חזקה, וואָס געהט איבער בירושה. עס איז דאָ שוחטים אין ראַדאָם דאָס צווייטע דור און אפילו דאָס דריטע דור און איהר פרעגט גאָרנישט נאָכן ד"ת. עס איז ביי אייך א רעליגיעזע גמינע, נישט א בעז-וויזנאַניאָווע גמינע. אַז מען געהט נישט בדרך התורה דאַרפט מען נישט קיין שוחטים. קיין רבנים און גמינע אודאי נישט. איהר האָט אונז מבזה געווען אין די אויגען פון די רעגירונגס-לייט. עס הייסט מבזה געווען די שחיטה. א חלול השם.

די תקנות וואָס איהר האָט מתקן געווען אין אלע רעליגיעזע זאַכען איז בעוויסט. יעצט האָט איהר זיך גענומען הרוב צו מאַכען די שחיטה, איהר לאָזט צו, אַז משחט במסתרים. עס וועט אזוי נישט זיין. דער פאָלק'ס-צאָרן וועט זיך אויפהויבען געגען זייערע מעשים. נעמט אוועק אייערע הענד וועלען מיר האָבען די שחיטה בכשרות אזוי ווי אונזערע עלטערן, מיט יושר'דיג שחיטה-געלד. איהר זאָלט נישט פערבלענדען, אַז די רעגירונג צווינגט אייך. נישט ריכטיג. אין ווארשא, לאָדז, פּיעטרקאָוו איז די שחיטה נישט אין דער גמינע. דער עיקר פון אייער כונה איז די שוחטים די קעפ צו פערדרעהען זיי זאָלען נישט קאָנען טון די שחיטה בישוב-הדעת. אונזער הילף וועט אי"ה בטח בעזרת השי"ת קומען, אָבער נישט דורך אייך, נאָר פון יודען, וואס פערשטעהען און שעצען די רעליגיע.

**אגודת השוחטים בראדום**